UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Jewish Artists in Los Angeles / Yidishe Kinstler In Los Angeles

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5p8241bf

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# יידישע קינסטלער אין לאָס אַנגעלעס

אונדזערע מיטגלידער וועלן זיכער לאַנג געדיינקען די לעצטע אויס־שטעלונג אין יידישן קולטור קלוב אין פאַרבינדונג מיט דעם חודש פאַרן יידישן בוך. דער קרעדיט פאַר דער אויסשטעלונג קומט צו מרדכי מייזעל.

עס איז דעריבער אין פּלאַץ דאָ צו געבן אונדזערע לייענער קורצע ביאָ־גראַפישע שטריכן פון די באַדייטנדע יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן וואָס האָבן געמאַכט זייער היים ביי דעם פּאַסיפישן ברעג.

## מאקס באנד

געבוירן אין 1900 אין נאומעסטיס, ליטע, זינט 1922 האָט ער געמאַכט זיין היים אין פּאַריז, פון 1924 אָן האָט ער געהאַט אויסשטעלונגען אין פּאַריז, בערלין, נויאָרק, אמסטערדאַם, זשענעווא, ירושלים, קאָוונע, און אין לאָס אַנגעלעס.

באַנד׳ס ווערק געפינען זיך אין לוקסעמבורג און פּאַריז, איטאַליע, עגיפּטען, ליטע, ישראל, אויסטראַליע, צפון אפריקע, און אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אַ געמאַל פון בלומען געפינט זיך אין באַזיץ פון מרס. עלענאָר רוזוועלט.

אין 1934 האָט באַנד באַקומען אַ באַשטעלונג צו מאָלן אַ בילד פון פּרעזי־דענט פרענקלין ד. רוזוועלט.

וועגן מאקס באנד זענען געשריבן געוואָרן אַ גרויסע צאָל מאָנאָגראַפיעס, צווישן זיי אַ מאָנאָגראַפיע ביי וואַלדעמאַר דזשאָרדזש, פּאָול פּיערעי, לעק־סיקאָן די יודען, בערלין, געשיכטע פון קינסטלער אין דער איצטיקער צייט, פּאַריז, יידישע יוניווערסאַלע ענציקלאָפּעדיע, נויאָרק, 1942.

איבער מאקס באנד האָבן אויך געשריבן בען העכט, שלום אַש, עדוואַרד דזש. ראָבינסאָן און אַ גרויסע צאָל אַנדערע.

## אָסקאַר וואַן יאַנג

געבוירן אין וויען, עסטרייך, 15טן אַפּריל, 1896. האָט געצויגן אויפמערק־זאַמקייט צו זיך פון ארטור מילער, לאָס אַנגעלעס „טיימז״, קאַרלייל בוירעס, „נויאָרק העראַלד־טריביון״, הערמאַן רויטער, „האַליוואָוד סיטיזענס ניוס״, דזשאָהן ליפּער, פּאסאַדינאַ אַרט אינסטיטוט, אלמא מעי קוק, לאָס אַנגעלעס „העראָלד עקספּרעס״, ראָנאַלד ד. סקאָפילד, „סאַנטאַ באַרבאַראַ ניוס״.

וואַן יאַנג באַמיט זיך ניט צו גיבן די פאָטאָגראַפישע זייט פון בילד, נאָר דאָס פּסיכאָלאָגישע, זיינע בילדער רעדן פון ליבע, האַס, ליידנשאַפט, און סימ־פּאַטיע פאַר דעם געגנשטאַנד.

זיינע איינ־מאַן אויסשטעלונגען זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אַרט אינסטי־טוט, שיקאַגאָ, ל. א. קאַונטי מוזיי, סאַן פראַנציסקאָ קונסט מוזיי, פּאַסאַדינאַ אַרט אינסטיטוט, סאַנטאַ באַרבאַראַ מוזיי, שעפּי קאַלעדזש, אָנטעריאָ, קאַלי־פאָרניאַ, האָט באַקומען אַ צאָל ערשטע פּרייזן.

אויסשטעלונגען: שיקאַגאַ אַרט אינסטיטוט, „גאָלדען געיט עקספּאָזישאָן״, נעשאָנאַל אקעדעמי, קאַליפאָרניע „פּעלעס אָוו לידזשאָן אָוו האָנאָר״, סאַן פראַנציסקאָ, אינטערנעשאַנאַל „וואַסער קאָלירן״, שיקאַגאַ אַרט אינסטיטוט.

געשריבן וועגן אים אין: ווער איז ווער אין דער „וועסט״, ווער איז ווער אויף דעם פּאַסיפישן ברעג, ווער איז ווער אין אַמעריקאַנער קונסט.

## בערל סאַט

איינער פון אונדזערע באַדייטנדסטע קינסטלער, אַ גאָט געבענטשטער סקולפּטאָר אין האַלץ, איז אָן ספק בערל סאַט.

עס איז געגנוג בלויז דורכצובלעטערן זיין „יידיש שטעטל" אין האַלץ-שניטן, אַ מאָנומענט געווידמעט דער שארית הפליטה, זיך צו איבערצייגן אַז בערל סאַט איז אַ גאון אין זיין פאַך.

געבוירן דעם 15טן יולי, 1880, אין זאַלאָשין, פּוילן, איז ער, צו 6 יאָר, מיט דעם פאָטער פּיוטל סופר איבערגעפאָרן קיין לאָדזש, געגאַנגען אין חדר, תלמוד תורה, דערנאָך אין דער ישיבה. האָט זיך זייער יונג באַקענט מיט דעם מאלער קאשא, האָט גענומען מאָלן, שניצן, און אין אמעריקע, זינט 1908, האָט געאַרבעט אַלס האָלץ שניצער ביי אנטיק מעבל, אָבער סאַט'ס גאונות האָט זיך גענומען ארויסווייזן ווען ער האָט פאַרטראַכט זיין יידיש שטעטל.

אין האָלץ שניט געלינגט סאַט'ן ארייינצובלאָזן אַ רוח חיים אין זיינע טיפּן, זיינע העלדן און כאַראַקטערן וואָס דערשיינען פאַר אייך לעבעדיקע, אַרויסרופנדיק טיפע אָנטציקונג.

אין 1947 האָט אַ היגער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן בערל סאַט'ס אַלבום פון דעם „יידיש שטעטל". אָבער די אָריגינאַלן געפינען זיך ביי סאַט'ן, ער וויל זיך מיט זיי ניט שיידן סיידן עמיצער וועט אָפּקויפן די גאַנצע קאָלעקציע פאַר אַ סאַט מוזיי. איינצלנע שטיקער וועט ער ניט פארקויפן.

סאַט'ס שאַפונגען זענען אַ גאַנצער קונסט מוזיי און ווער עס וועט עס אַמאָל איינהאַנדלען וועט באַזיצן אַ גאַנצן יידישן קונסט אוצר.

## עדמונד קאָהן

געבוירן אין פילאַדעלפיע, אין 1907. האָט מיטגעאַרבעט אין נויאָרקער צייטונגען, אין „דעילי מיראַר", „נויאָרק אַמעריקאַן" און „דזשורנאַל", און „מאָרנינג טעלעגראַם", אַלס פּאָטאָ רעטושירער און אילוסטראַטאָר. האָט גע-אַרבעט אין פּאַראַמאָונט סטודיאָס אַלס אילוסטראַטאָר, מאַלער און דעזיינער.

איז געווען 3 יאָר אין דער אמעריקאַנער ארמיי, איז מאַלער אינסטרוק-טאָר אין טשאָווינאַרד קונסט אינסטיטוט זינט 1948.

איז באַערט געוואָרן ביי „סאַקראַמענטאָ סטייט פעיר, אלמארק אוואָרד, גרענדזשער מעמאָריאַל אווארד, סיטי ארט פעסטיוואל, וואַלנאַט קריק.

איז רעפּרעזענטירט אין „אַמעריקען פּיינטינג טודעי", „קאָנטעמפּאָרערי פּיינטינג אין יו. עס.", אין אַ סך פּריוואַטע קאָלעקציעס.

אויסגעשטעלט אין מעטראָפּאָליטען מוזיי, לאָס אנגעלעס מוזיי, סט. לואיס, קאָרקראַן ארט גאַלעריי, אינסטיטוט אָט אַרט, באָסטאָן, קארנעגי אינסטיטוט, מילוואָקי אַרט אינסטיטוט.

## באָריס דויטש

באָריס דויטש איז געקומען קיין אמעריקע אין 1916, פון ליטע. גע-שטודירט אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד, אָבער פאַרפולקאָמט האָט ער זיך אין אמעריקע, וואו ער ווערט אנערקענט אלס איינער פון די באַדייטנדסטע מאַלער פון דער איצטיקער צייט. (אויסצוג פון ל. א. „טיימז"").

אָפּשאַצונגען איבער אים געפינט מען אין „ווער איז ווער אין אַמעריקע", אויך אין „ווער איז ווער אין קונסט", און אין דער „ענציקלאָפּעדיא בריטאַניקא".

באָריס דויטש איז באַרימט געוואָרן מיט איין-מאַן אויסשטעלונגען פון זיינע ווערק אין יוניווערסיטי אָוו קאַליפאָרניע 47־42־1926, לאָס אַנגעלעסער מוזיי 41־29־1926. איסט-וועסט גאַלעריי, סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפ. אַרט קלוב, מילס קאָלעדזש, בוירקלי, סעאַטעל אַרט אינסטיטוט, סאַן דיעגאָ מוזיי, דענווער מוזיי, פּאָרטלאַנד, בוירקלי מוזיי, פּעלעס אָוו לידזשען אָוו האנאָר,

סאַן פראַנציסקאָ, דאַלאַס, טעקסעס, דזשעק סעליקמאַן, נויאָרק, אָקלאַנד אַרט גאַלעריי, סטאַקטאַן, סאַקראַמענטאָ, סקריפּס קאָלעדזש, קלערמאָנט, האָט באַ־קומען אַ צאָל ערשטע פּרייזן פאַר זיינע בילדער. זיינע קאָלירפולע בילדער געפינען זיך אין אַן ערך פון דרייסיק קאָלעקציעס אין מוזייאומס און פּרי־וואַטע גאַלערייען.

## קאָוונער־גראַדסקי

געבוירן אין רוסלאַנד, דעם 25טן דעצעמבער, 1895, באַקומען אַ טראַדי־ציאָנעלע יידישע דערציאונג, געלערנט אין חדר, חומש, תנ״ך, גמרא און, ווי ער אַליין דערציילט וועגן זיך, נאָך אַלס קינד גענומען „מאָלן״ אויף די ווענט. געמאָלן האָט ער די בילדער פון טאָלסטאָי, גאָרקי, משה מאָנטעפיאָרע, און להבדיל) ניקאָלאַי דער לעצטער, און אַ מאָדערנעם יידן, מיט אַ באָרד, נאָר אָן אַ היטל, נעמלעך, אייברעהעם לינקאָלן, איז אויך אַוועק צו גויאישע לימודים, געווען אַן עקסטערניק.

איז אַריינגעטראָטן אין וואָראָניעזש אין דער קעניגלעכער קונסט שולע, וואו 2 פּראָפעסאָרן האָבן אויף אים נביאות געזאָגט, אַז ער מעג דערוואַרטן אַ הערלעכע צוקונפט.

ער אַליין דערציילט, אַז ער האָט אין אמעריקע פריער זיך גענומען צו אַנדערע מלאכות, אָבער דער פּינזל ציט אים ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט, נעמט ער זיך ווידער שטודירן אין אַקאַדעמיעס און ביי פּריוואַטע קינסטלער און איז איצט ווידער צוריק ביי דער קונסט פון מאַלעריי.

דאָ און דאָרט האָט ער אַן אויסשטעלונג, דאָ און דאָרט זאָגט אַ קריטיקער וועגן אים אַ גרויס וואָרט. דאָ און דאָרט הייבגט זיינע אַ בילד אין אַ יידישער הויז אונטערן אויפשריפט: קאָוונער־גראַדסקי.

היינטיקן יאָר האָט ער געצויגן אויף זיך באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מיט זיין בילד געמאָלן פון דעם היגן באַליבטן דיכטער, ה. רויזענבלאַט. ער האָט אויך אַ געלונגען פּאָרטרעט פון פרץ הירשביין, עה״ש. ער האָט אויך גע־צייכנט אַ בילד פון יוד לאַמעד מאַלאַמוט פאַר דעם ניי־דערשינענעם בוך „מיטן פּנים צו דער זון״. אין זעלבן בוך געפינען זיך אויך 3 אַנדערע צייכנונגען ווי דאָס שער־בלאַט, „די קאָלאָראַדער בערג״ און „דער גאָרטן פון די געטער״.

## סאַול

אַ ברודער פון קאָוונער־גראַדסקי, באַוואוסט בלויז מיט דעם נאָמען סאַול. געבוירן אין רוסלאַנד, אין 1904, געקומען קיין אמעריקע זייער יונג. האָט געוואונען זייער יונג אַ סקאָלערשיפּ צו דעם פּראַט אינסטיטוט, אנשטאט דעם האָט ער אויסגעקליבן צו באַזוכן די „נעשאָנאַל אקעדעמי אָוו דעזיין״, שטו־דירנדיק 7 יאָר אונטער דער אויפזיכט פון איוואַן אַלינסקי און טשאַרלס ה. אוטהאָרן.

צו 26 יאָר, כמעט נאָך אומבאַקאַנט, האָט ער געוואונען דעם קאַרל ה. בעק גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין בילד „אַ קינד מיט אַן אינסטרומענט״, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פאר דעם בעסטן בילד אין דער פּענסילווייניע „אַקאַ־דעמי״, אין 1932. זינט דאַן האָט סאַול געהאַט 5 איין־מאַן אויסשטעלונגען אין נויאָרק, און אַ גרויסע צאָל אויסשטעלונגען אין דער „איסט״ ווי אויך אין דער „וועסט״. אין 1937 איז זיין בילד „פיש־מאָלצייט״ אויסגעקליבן געוואָרן ביי דער ערשטער יערלעכער „מיוניסיפּעל אַרט עקסהיבישאָן״ אין נויאָרק.

זיינע שאַפונגען געפינען זיך צווישן צען הויפּט קאָלעקציעס וואָס שליסן איין די וויטני, מעטראָפּאָליטאַן מוזיי אין נויאָרק, און די „קאָנגרעס לייברערי״

ער איז אויך אַ מיטגליד אין דער אמעריקאנער „סאָסייעטי אָוו עטשערס, ליטהאָגראַפערס און ענגרייוועורס״.

סאול איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער קינסטלער, און עס זיינען וועגן אים קאטאלאָגירט אַן ערך פון דרייסיק באַדייטנדע בילדער.

---

## סאָל ראַבינאָ

געבוירן אין אדעס, זון פון אַ רב, האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דער־ציאונג, האָט שטודירט אין דער קייזערליכער קונסט שולע ביי פּראָפעסאר קאָסטאנדי, אין 1913 געקומען אין פּאַריז, וואו ער איז אריין אין „עקאָל דע אַרטס דעקאָראטיוו״, אין 1915 איז ער געווען אין זשענעווא, שווייץ, דערנאָך איז ער צוריקגעפאָרן אין אדעס, געבליבן ביז 1921, דאן איז ער געפאָרן אין קאָנסטאנטינאפאל, אַ יאָר שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע.

איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּאָגראָמען און רעוואָלוציע, אין 1919, צייכנט זיך אויס מאָלנדיק יידישע טיפּן, פון אַלטן שניט, מאָלט אויך אויף ביבלישע מאָטיוון, אַ באַזונדערן רושם האָט געמאַכט זיין ירמיהו הנביא.

וועגן סאל ראבינא איז אַ סך געשריבן געוואָרן יעדעס מאָל ווען ער האָט באַוויזן אויסצושטעלן זיינע בילדער.

ראבינא האָט לעצטנס אויך באַזוכט מדינת ישראל, און זייענדיק זיין גאַנצן לעבן אַ הייסער ייד, איז פאַרשטענדליך, אַז מדינת ישראל האָט אים מער ווי באַגייסטערט, און ער האָט דאָרט געמאָלן אַ גרויסע צאָל בילדער, חוץ וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אַ מאַסע סקיצן וועלכע ער באַאַרבעט איצט ביי זיך אין סטודיאָ.

ראבינאָ איז באַקאנט איבערן לאַנד, וואָס ער קרייצט דורך יעדעס יאָר, זיינע צאָלרייכע בילדער באַצירן אַ גרויסע צאָל היימען וואו יידישע קונסט ווערט אָפּגעשאַצט.

---

## אליהו טענעהאָלץ



מען קאָן ניט פאַרבייגיין אַרום דער טעמע יידישע קינסטלער אין ל. א., און ניט דערמאָנען אונדזערע אייגענעם קינסטלער, אליהו טענעהאָלץ, שוין צוליב דעם ווייל ער איז געווען פון די „ראשונים״ אַרום דעם ל. א. יידישן קלוב, און דער עיקר ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכנט היינטיקן זמן מיט גאָר אַ פיינעם בייטראג.

אונטער חבר טענעהאָלץ׳ס רעזשי איז אין קלוב דורכגעפירט געוואָרן, שבת דעם 13טן יוני, (זע רשימה) אין ל. א. יידישן קולטור קלוב, אַן אָוונט לזכרון שלום עליכם.

עס איז געשטעלט געוואָרן „טביה דער מילכיקער״, אונטער אליהו׳ס רעזשי, ער אַליין האָט געשפּילט טביה און אַ וואונדערלעכן טביה. מיט אים האָבן אויך מיטגעשפּילט שרה טייטלבוים, פערל פעדער, אניטא פריינטליך, אברהם ראער, עמוס הירשביין, משה מאנדלבוים, פרידל פאטאָפּסקי, הערי ראָבינסאן, מאָטעלע מייזל, און זיי אַלע צו ליינגערע יאָר, יהושע האָראָוויטץ (עליו השלום).

# פייגעלע פּאַניץ



פייגעלע פּאַניץ, אַ שם־דבר היינט שוין ניט נאָר אין לאָס אַנגעלעס, נאָר איבער אַמעריקע און אויך אין אויסלאַנד, אַריינרעכענענדיק מעקסיקאָ און קובאַ.

פייגעלע'ס גרויסער נאָמען אַלס קינסטלערין גייט האַנט אין האַנט מיט דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב.ביידע זיינען געקומען אויף דער אַרענע כמעט אין דעם זעלבן יאָר. פייגעלע אפשר נאָך אַ יאָר אָדער 2 פריער, איידער דער קלוב איז געבוירן געוואָרן.

אין „זונלאַנד", מאַי, 1925, געפינען מיר שוין פייגעלע פּאַניץ, גע„פּיטשורט" אין איר ערשטן אויפטריט אין לאָס אנגעלעס, וואו זי האָט זיך גלייך איבערנאַכט דערוואָרבן גרויס ליבשאַפט און פאַרערונג ביי די קריטיקער און מבינים.

זינט דאַן איז פייגעלע אויפגעטראָטן ביי אַלע פיינסטע און שענסטע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע אָוונטן און אין יעדער אויפטריט ווערט זי אַלץ באַגלייט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

פייגעלע'ס דיקציע, פייגעלע'ס אויסטייטשונג פון אַ יידיש פאָלקס ליד איז מלא חן, און רופט אַרויס אנטציקונג.

פייגעלע האָט באמת פאַרדינט אַז מען זאָל וועגן איר שרייבן אַ סך מער ווי דאָס פּלאַץ דערלויבט אונדז דאָ. פייגעלע איז איבער אַ פערטל יאָרהונדערט דער יום־טוב פון דער לאָס אַנגלעסער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער יידישער קולטור.

דאָ ווילן מיר נאָר ציען אויפמערקזאמקייט, אַז פייגעלע באַטייליקט זיך תמיד ביי אונדזערע דערעפנונגען ווי ביי דעם שלוס פון אונדזער זמן.

פאַרשטייט זיך, אַז איר נעקסטער אויפטריט קומט טאַקע פאַר היינט דאָ, אין ל. א. יידישן קולטור קלוב, ביי אונדזער דערעפענונג פון דעם 28טן זמן.

---o---

# מרדכי (מאָטעלע) מייזעל



באַקאַנטער טעאַטראַל, איז געווען פאַרבונדן מיט דער שיקאַגער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, האָט געשפילט אונטער דער רעזשי פון פּרץ הירשביין, מאַרק ארנשטיין, אברהם טייטלבוים און יוסף בולאָוו.

וואוינענדיק אין מעמפיס, טענעסי, האָט מייזעל אָנגעפירט מיט אַ דראמאטישער געזעלשאפט, און אויך פאַר די 14 יאָר וואָס ער וואוינט אין לאָס אנגעלעס איז ער אקטיוו ביי דער יידישער טעאַטער גרופּע.

איז אויך אינטערעסירט אין קונסט און האָט צו זיין קרעדיט דאָס העלפן דורכפירן 2 קונסט אויסשטעלונגען אין יידישן קולטור קלוב, אין פאַרבינדונג מיט דעם חודש פאַרן יידישן בוך.

# קאַנטאָר לייב גלאַנץ



רעדט מען וועגן קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט אין ל. א. קאָן מען ניט פאַרבייגיין די חשובע פערזענלעכקייט פון קאַנטאָר לייב גלאַנץ, זינגער, קאָמפּאָזיטאר און געזעלשאַפטלעכער עסקן.

אַ גראַדואירטער אין קיעווער קאָנסערוואַטאָריע, שטודירנדיק פּיאַנאָ, קאָמפּאָזיציע און געזאַנג, באַרייכערט לייב גלאַנץ דאָס היגע יידישע לעבן מיט זיינע אויפטריטן און זיין צושטייער צו יידישער קולטור, סיי אַלס מנגן, סיי אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער.

לייב גלאַנץ איז געווען דער איינציק געלאַדענער סאָליסט צום מוזיק פעסטיוואל אין ישראל.

האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל ליטורגישע און וועלטלעכע קאָמפּאָזיציעס דורך וויקטאר און אַ צאָל אַנדערע פירמעס.

צייכנט זיך אויס אַלס שריפטשטעלער, פאַרעפנטלעכט שאַפונגען אין „קעמפער” און אין אַנדערע צייטשריפטן.

האָט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר דעם אַרבעטער ציוניזם, הסתדרות, יידישע דערציאונג, איז אַלעמאָל גרייט צו קאָאָפּערירן פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון יידישער קולטור אויף אַלע געביטן.

# ראָז שמר-באַטשעלים

באַזוכנדיק אַ גרויסע צאָל ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע אָוונטן אין דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, פיל איך אַז די אָנפירער דאַרפן באַגריסט ווערן פאַר זייער פיינעם באַצי צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

דער קולטור קלוב איז באמת אַ היים פאַר דעם יידישן מענטשן וואָס וויל זיך אויסלעבן אין אַ קולטורעלער סביבה.

אַ גליקלעך יאָר אַלע מיטגלידער אין כלל כל ישראל.

**ראז שמר און שמואל באטשעלים**

# פון חברה ראוז באלאט

ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס אַזאַ יידישער קולטור קלוב ווי מיר האָבן דאָ, געפינט זיך נאָר אין לאָס אנדזשעלעס.

יידן פון גאַנצן לאַנד ציען זיך צום וואַרעמען מערב ברעג, צום יונגסטן יידישן ישוב — לאָס אנדזשעלעס, וואו מען האָפט אָנצואוואַרימען דעם קערפער און דערפרישן דעם גייסט.

דער קלוב איז די איינציקע אינסטיטוציע וואו מען געפינט טאַקע אָט די חבר'שע וואַרעמקייט, וואָס האַלט צוזאַמען יידן פון אַלערליי „איזמען” און, פאַראייניקט פון איין געדאַנק, אָנצוהאַלטן דעם יום טובדיקן המשך פון יידישן קוואַל, זיך אויסלעבן יידיש, און ניט פאַרשווינקט ווערן פון שטאַרקן שטראָם פון דער ניט יידישער גאָס.

אַ דאַנקבאַרע פריינטשאַפט פילט זיך ביי אַלעמען צו די איבערגעגעבענע טוער, אויף וועמעס פּלייצעס פאַלט אַלע מאָל די שווערע ארבעט, פון אָנהאַלטן די הויך קולטורעלע ניווא פון קלובס אַקטיוויטעטן.

זייט האַרציק געגריסט.

**ראוז באַלאט.**